OXFORD CENTRE FOR POSTGRADUATE HEBREW STUDIES

45 St Giles, Oxford OX1 3LW, England (0865) 511869

FROM THE FELLOW IN YIDDISH STUDIES


פּראָפֿ׳ שלמה בירנבוים
טאָראָנטאָ

י״ח אייר (ל״ג בעומר) תשמ״ה / דעם 9טן מאַי 1985

טייערער און חשובֿער פּראָפֿעסאָר שלמה בירנבוים,

ראשית כל אַ גאָר האַרציקן דאַנק פֿאַר אייער גאָר פֿריינדלעכן בריוו.

יאָ, איר זייט הונדערט פּראָצענט גערעכט מכוח מיין טעות וועגן דעם אויפֿקום פֿון דער נייער ייִדישער פֿילאָלאָגיע אין מזרח־אייראָפּע אינעם אַרטיקל פֿון זעקס יאָר צוריק. די גדולים אויף אונדזער געביט מיט אייך בראש וואָס שטאַמען דווקא נ י ט פֿון יענער „קולטור־סביבה" זיינען די בעסטע ראיה דערצו. אַ יישר כוח.

וואָס שייך דעם ווינטער־סימפּאָזיום האָף איך זייער אַז איר וועט פֿאָרט קענען קומען אָדער לפּחות צושיקן אַ רעפֿעראַט. דווקא מחמת דעם וואָס צווישן די אָנטיילנעמער וועלן זיך געפֿינען ל. פֿוקס, ר. קינג, דזש. מאַרשאַן און אַ ריי אַנדערע גערמאַניסטן און לינגוויסטן ווילט זיך זייער אַז ס׳זאָל קומען צום וואָרט די דעה פֿון אונדזער גרעסטן ייִדישן פֿילאָלאָג, ר׳ שלמה בירנבוים. דער רעפֿעראַט קען זיין אויף וועלכן ניט איז לשון וואָס איז אייך צומערסטנס ניחא פֿאַר דעם צוועק. ס׳קען באַשטיין פֿון נייע זאַכן אָדער פֿון אַ סך הכל פֿון פֿריערדיקע אַרבעטן, ס׳ווילט זיך נאָר אַז שלמה בירנבוים, אָדער פּערזענלעך אָדער „צוגעשיקטערהייט" זאָל האָבן דעם אויבנאָן. טאָמער איר קענט פֿאָרט ניט באַוויזן צו קומען וועט מען בכּבֿוד גדול פֿאָרלייענען דעם רעפֿעראַט און אים אַריינגעמען אין דער יערלעכער פּובליקאַציע וואָס מיר ה אָ פֿ ן וועט אַרויסוואַקסן פֿון ווינטער־סימפּאָזיום.

ס׳טוט מיר ווי דאָס האַרץ געוואויר צו ווערן אַז אַן אומגליק האָט געטראָפֿן אייערע בני בית. זאָלט איר מער פֿון אַזעלכעס ניט וויסן און האָבן נאָר געזונט נחת און ווייטערדיקע שעפֿערישקייט עמו״ש און מ ע ר אָמן!

מיט פֿריינדשאַפֿט און דרך ארץ
בלייב איך אייער תּלמיד און פּאַטריאָט

דוד קאַץ